## קאַפּיטל נײַנצן

1 און עס איז געשען, בשעת אַפּאָלאָס איז געווען
אין קאָרינט, איז פּוילוס, נאָכן אַדורכגײן די
אינלענדישע טײלן פון (קלײן) אַזיען, געקומען
קײן עפעזוס; און ווען ער האָט (דאָרט) געפונען
2 אײניקע תלמידים, האָט ער צו זײ געזאָגט: צי
האָט איר מקבל געווען דעם רוח הקודש, ווען
איר זענט געוואָרן מאמינים? האָבן זײ געזאָגט
צו אים: מיר האָבן אַפילו נישט געהערט, אויב עס
3 געפינט זיך אַ רוח הקודש. האָט ער געזאָגט: אויף
וואָס דען האָט איר זיך געטובלט? און זײ האָבן
4 געזאָגט: אויף דער טבילה פון יוחנן. האָט פּוילוס
געזאָגט: יוחנן האָט געטובלט אַ טבילה פון תשובה,
זאָגנדיק צום פאָלק, אַז זײ זאָלן גלייבן אין דעם,
וועלכער וועט קומען נאָך אים, דאָס הייסט אין
5 ישוען. און הערנדיק דאָס, האָבן זײ זיך געלאָזט
טובל זײן אין דעם נאָמען פון דעם האַר ישוע.
6 און ווי פּוילוס האָט אַרויפגעלייגט אויף זײ די
הענט, איז דער רוח הקודש געקומען אויף זײ;
און זײ האָבן גערעדט מיט לשונות און נבואות־
7 געזאָגט. און זײ אַלע זענען געווען אַן ערך צוועלף
מענער.
8 און ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין שול, און האָט
גערעדט מיט פּתחון־פּה במשך פון דרײ חדשים,
9 האַלטנדיק וויכוחים און איבערצײַגנדיק בנוגע דעם
מלכות פון ג־ט. ווען אָבער אײניקע האָבן האַרט
געמאַכט זײערע הערצער און נישט געגלייבט, רעדנ־
דיק שלעכטס לגבי דעם דרך פאַר דעם עולם, איז
ער אַוועק פון זײ, און האָט אָפּגעשיידט די תלמידים,